# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:23
מוצאי שב"ק......................6:55

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................משלי כ"א-כ"ב
בבלי..........................נזיר ל"ג
ירושלמי....................פאה ל"ו
תוספתא..........בבא מציעא ח'
רמב"ם................סנהדרין כ"ה

פרשת תרומה, ד' אדר, שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 22 (592)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט דִי אִידְן זָאלְן מַאכְן פַאר אִים אַ הֵיילִיגֶע וואוֹינוּנְג אוּן אִיךְ וֶועל רוּעֶן צְווִישְׁן זֵיי. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, פוּן דֶעסְט וֶועגְן ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַוְקָא רוּעֶן צְווִישְׁן אוּנְז מֶענְטְשְׁן, וָואס מִיר לִיגְן אִין גַשְׁמִיוּת, עֶר ווִיל מִיר זָאלְן אִים בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּב וואוּ עֶר זָאל רוּעֶן; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן אִיז גֶעוֶוען דֶער מִיט דִי לוּחוֹת, פַארְוָואס אִיז דָאס גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט) אַז עֶר ווִיל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן אַז 'מֶען זָאל טוּן', יֶעדֶער זָאל הָאבְּן אַ חִיוּב אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַיינְגֶעוואוֹינְט צוּ טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כָּךְ וְכָךְ', אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, וֶועלְן זֵיי סוֹף כָּל סוֹף זִיכֶער אַרוֹיס גֵיין פוּן זֵייעֶר בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶערְפַאר, וֶוען מֶען הָאט גֶעוָואלְט בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן בַּיי אוּנְז, דוּ ווִילְסְט לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוּז מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מַאכְן דֶעם הֵיילִיגְן אָרוֹן, מֶען דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן בַּיים מֶענְטְשׁ.

דֶער פָּסוּק זָאגְט, וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים אַמָּתַיִם וָחֵצִי אָרְכּוֹ וְאַמָּה וָחֵצִי רָחְבּוֹ וְאַמָּה וָחֵצִי קֹמָתוֹ, פוּן אַלֶע זַייטְן הָאט דֶער אָרוֹן גֶעהַאט 'הַאלְבֶּע' אַמוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער 'בַּעַל הַטּוּרִים' זָאגְט, אַז דָאס קוּמְט אוּנְז צוּ ווַייזְן אַז דִי תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נִישְׁט וואוּ עֶס אִיז גַאנְץ, נָאר וואוּ עֶס אִיז צֶעבְּרָאכְן, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ז.), אַז תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ וַואסֶער, אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען גִיסְט וַואסֶער אוֹיף אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ הַאלְט זִיךְ עֶס נִישְׁט, עֶס רִינְט אַרָאפּ, אַזוֹי אוֹיךְ תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נָאר בַּיי אַן עָנָיו, וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ קְלֵיין.

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען זָאגְן נָאכְמֶער; אַ מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ צוּ זַיין מְסוּדָּר, אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען עֶסְט קֶעיק, שְׁנַיידְט מֶען אַרָאפּ נָאךְ אַ שְׁטִיקְל, כְּדֵי עֶס צוּ מַאכְן גְרָאד... אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן ווִי אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען נִישְׁט זַיין מְסוּדָּר מִיט אַ סֵדֶר, פוּן אַלֶע זַייטְן אִיז עֶר צֶעבְּרָאכְן, נִישְׁט מְסוּדָּר, אַ כְּלִי נִשְׁבָּר, זָאגְט דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קוּק אוֹיפְ'ן אָרוֹן מִיט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע מָאסְן, פוּן אַלֶע זַייטְן אִיז עֶס גֶעוֶוען הַאלְבּ; אוֹיבּ לֵייגְט מֶען אַרַיין דִי תּוֹרָה אִין דֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם כְּלִי, וֶוערְט דָאס דִי אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, דָאס קוּמְט אָן אִינֶעם הֵיילִיגְסְטְן פְּלַאץ, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ, לֵייג אַרַיין אִין דִיר אַבִּיסְל תּוֹרָה, וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען אִינֶעם הֵייליגְסְטְן פְּלַאץ, אִין קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד וֶוער דוּ בִּיסְט.

מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט הָאבְּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען, נָאר אֵיין זַאךְ, שֵׂכֶל צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּמַאכְן: אִיךְ זֶע דָאךְ ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ אוֹיף, אוּן וואוּ מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אָן; מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ אִין לֶעבְן, דָאס לֶעבְן אִיז זֵיי מַמָּשׁ דֶער גֵיהִנוֹם, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן ווִי זֵיי, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט אָפְּמוּטְשֶׁען מַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר', אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה דֶערְצוּ, צוּ נֶעמֶען אַ וֶועג ווַייזֶער, נֶעמֶען אַ דָאקְטֶער, אַ חָכָם, וֶועם אִיךְ פָאלְג.

אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אַ וֶועג ווַייזֶער הָאט מֶען אַ גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע לֶעבְן; לָאמִיר אַרוֹיס כַאפְּן אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען, לָאמִיר אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל גְמָרָא, לָאמִיר נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארִימֶען: ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיף אַ אִינְגֶערְמַאן צִי עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ? אוֹיבּ עֶר דְרֵייט זִיךְ מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹתְ'ל אִין טַאשׁ, אוּן וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט, כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק – דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ תַּלְמִיד 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.' הַלְוַאי זָאלְן מִיר דָאס אוֹיךְ קֶענֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען, מֶען זָאל קֶענֶען אָנְזֶען אוֹיף אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דוּרְךְ זַיין מִשְׁנַיוֹת, וואוּ עֶר אִיז – זֶעט מֶען אִים מִיטְ'ן מִשְׁנַיוֹת, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶר אִיז אַ בָּאס דְרַייוֶוער, אָדֶער עֶר וַוארְט פּוּנְקְט אִין אַ אָפִּיס, אָדֶער עֶר זִיצְט בַּיי אַ חֲתוּנָה – שְׁטֶענְדִיג זֶעט מֶען אִים מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת. דָאס אִיז דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ.

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע כְּלִי, דָאס גַאנְצֶע לֶערְנֶען אִיז נִישְׁט מְסוּדָּר, דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג אַ אַנְדֶערֶע צָאל פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אֵיין טָאג אַכְצְן פְּרָקִים אוּן אֵיין טָאג ווֵוינִיגֶער, דָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעזָאגְט: "בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוּן מֶען וֶועט דִיר אַרַיין טְרָאגְן אִין קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ הֵיילִיגֶער אִיד אוּן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, תְּרוּמָה תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, אִין יְרוּשַׁלְמִי (רֵישׁ מַסֶּכֶת מְגִילָּה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז אִין גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר קֶען מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָּה, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעפַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹ"ח תרפ"ח, ז') אַז וֶוער עֶס פָּארְט אַרוֹיס אוֹיף אַ וַוייטֶע וֶועג אוּן עֶר קֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז פּוּרִים, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען אַ מְגִילָּה, קֶען עֶר שׁוֹין לֵיינֶען דִי מְגִילָּה פוּן אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, אִיז שׁוֹין דָא דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן פּוּרִים.

דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (תַּעֲנִית כ"ו:) "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", גְלַייךְ וֶוען מֶען טְרֶעט אַרַיין אִין חֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן חֲזַ"ל זֶענֶען מְדַייֵק "מַרְבִּין" - מֶען דַארְף "פַארְמֶערְן" מִיט שִׂמְחָה, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק

<<<<<<

## א גוט ווארט

דִי וָואךְ אִיז שַׁבָּת הַפְסָקָה, פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת הָאבְּן מִיר גֶעהַאט שַׁבָּת שְׁקָלִים, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת הָאבְּן מִיר שַׁבָּת זָכוֹר, דִי וָואךְ אִיז הַפְסָקָה. דִי ד' פַּרְשִׁיוֹת זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר אוֹתִיוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוַיָ' בָּרוּךְ הוּא, דִי וָואךְ, הַפְסָקָה – לֶערְנְט אוּנְז אַז אַזוֹי גֵייט עֲבוֹדַת ה', עֶס הַאקְט זִיךְ אָפּ, עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת", אִיז דִי וֶועג אַז מֶען ווַייזְט אִים הִתְרַחֲקוּת, "וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה", עֶס דַאכְט זִיךְ ווִי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן אוֹיבְן, "וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", מֶען לָאזְט אִים מַמָּשׁ נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז: "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דָאס אִיז נָאר צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן וֶוען מֶען זֶעט ווִי מֶען הַאלְט אִין אֵיין וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעהַאקְט וְכוּ' וְכוּ'; דִי שַׁבָּת הַפְסָקָה לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז אַזוֹי גֵייט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעהַאקְט, מֶען טָאר אָבֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן אוּן טוּן וָואס מֶען דַארְף טוּן.

זָאלְט אִיר גֶעדֶענְקֶען, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ שַׁבָּת הַפְסָקָה אִיז נָאכְאַלְץ דָא דִי ד' אוֹתִיוֹת, דִי ד' פַּרְשִׁיוֹת; אֲפִילוּ עֶס פַּאסִירְט אַן הַפְסָקָה זָאלְט אִיר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשפ"ב)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַז מְ'הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, וֶוערְט מֶען מְשׁוּגָע

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דיין בריוו.

אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס דוּ רֶעדְסְט, ווִי קֶענְסְטוּ פַּארְזֶען אַן אָפֶענֶע פָּסוּק אִין דִי תּוֹרָה וָואס מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע (בַּמִּדְבָּר טוּב, לט): "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י (שָׁם): "הַלֵּב וְהָעֵינַיִם הֵם מְרַגְּלִים לַגּוּף וּמְסַרְסְרִים לוֹ אֶת הָעֲבֵרוֹת", דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ זֶענֶען צְוֵויי מֶעקְלֶערְס פַאר עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עַיֵּין מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, סוֹף פַּרְשַׁת שְׁלַח; יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, ה): "הָעַיִן רוֹאֶה", עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי אוֹיגְן, אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, "וְהַלֵּב חוֹמֵד", - קוּמְט דִי הַארְץ אוּן הֵייבְּט אָן גְלוּסְטְן, "וְהַגּוּף עוֹשֶׂה אֶת הָעֲבֵרוֹת", אוּן דִי גוּף טוּט דִי עֲבֵירָה.

אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי אוֹיגְן; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (סוֹטָה ח.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, ה): "לִיבָּא וְעֵינָא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַּחֲטָאָה נִינְהוּ", דִי הַארְץ אוּן דִי אוֹיגְן זֶענֶען צְוֵויי מֶעקְלֶער פַאר עֲבֵירוֹת, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אִי יְהַבְתְּ לִי לִיבָּא וְעֵינָא, אֲנָא יָדַע דְּאַתְּ לִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז, אוֹיבּ דוּ גֶעבְּסְט מִיר דִי צְוֵויי זַאכְן - דִי הִיטְסְט דַיינֶע אוֹיגְן, דוּ קוּקְסְט נִישְׁט אוֹיף קַיין פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן אוּן דוּ גֶעבְּסְט מִיר דַיין הַארְץ - דוּ גְלוּסְט נִישְׁט קַיין פְרֶעמְדֶע זַאכְן, וֵויים אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מַיינֶער; עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער ווִי אַזוֹי אַ אִיד שְׁרַייבְּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן קֶעגְן דִי תּוֹרָה.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אִיז גְרוֹיסֶע צָרוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף הִסְתַּכְּלוּת אֲסוּרוֹת; דֶער וָואס הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן - דֶער וֶוערְט פָּשׁוּט קְרַאנְק, עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לו) רוֹב מְשׁוּגָעִים וֶוערְן מְשׁוּגָע פוּן נִיאוּף.

אִיךְ בֶּעט דִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין נְשָׁמָה; הֶער אוֹיף קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן. וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז פַאר דֶעם וָואס קוּקְט אוֹיף פְרוֹיעֶן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי פַּארְקְרַאכְן אִין דֶעם, מֶען טְרַאכְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דֶעם וְכוּ', בִּשְׁעַת דָאס אִיז אַ קְרַאנְקְהֵייט, צוּ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי. אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים, אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, כא): "אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה, הִוא בָעֵינַיִם"; אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה - ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן הֵיילִיג? הִוא בָעֵינַיִם - אוֹיבּ מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען וֶוערְט הֵיילִיג, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט וואוּ עֶס לָאזְט זִיךְ - דֶעמָאלְט אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"א)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה "תָּמִיד", אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ; נָאר חוֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען נָאךְ מֶער פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶערְפַאר פִּירְט מֶען זִיךְ אַז וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֶענְגְט מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע טָאווְלֶען "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", צוּ דֶערְמַאנֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מַמְשִׁיךְ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמְט אַרָאפּ אִין דִי טֶעג.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בֵּיצָה ט"ו:) "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו יִטַּע בָּהֶן אָדָר, שֶׁנֶּאֱמַר אַדִּיר בַּמָּרוֹם ה'", בִּפְּשָׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז וֶוער עֶס ווִיל אַז זַיינֶע פֶעלְדֶער זָאלְן גוּט וַואקְסְן, זָאל עֶר אַיינְפְלַאנְצְן אַ גֶעווִיסֶע גְרָאז וָואס הֵייסְט "אָדָר"; דָאס אִיז אָבֶּער אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂמְחָה, ח"ב, א) "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס. אוּן דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו", וֶוען אֵיינֶער ווִיל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, "יִטַּע בָּהֶן אָדָר", זָאל עֶר בַּיי זִיךְ אַיינְפְלַאנְצְן דִי מִדַּת הַשִּׂמְחָה פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן דִי שִׂמְחָה וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ זַיין.

## בִּין אִיךְ טַאקֶע פְרֵיילִיךְ?

ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע פְרֵיילִיךְ? וֶוען דִי שִׂמְחָה גִיסְט זִיךְ אִיבֶּער, אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ. דֶערְפַאר זֶענֶען דִי מִצְוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר זֶענֶען פוּל מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט עֶר טוּן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט שַׁבָּת שְׁקָלִים, וָואס מֶען רוּפְט שׁוֹין אוֹיס צוּ גֶעבְּן שְׁקָלִים, צוּ גֶעבְן צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ עֶרֶב פּוּרִים פִירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַאר צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ פּוּרִים אַלֵיינְס אִיז דָאךְ פִיל נָאר מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד; מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, סְעוּדַת פּוּרִים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פְרַיינְד, אוּן אוֹיךְ פוּן פּוּרִים וָואס אִיז דְרַייסִיג טֶעג פַאר דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין צוּזַאם נֶעמֶען קִמְחָא דְפִסְחָא פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח; קוּמְט אוֹיס אַז גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר אִיז פַארְבִּינְדֶען מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, ווִיל עֶר אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד.

## תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה

אַזוֹי ווִי חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה, מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין בְּדִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְשְׁרַייבְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער חוֹדֶשׁ אָדָר אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶס תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה אוּן מִיט שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ צוּם חוֹדֶשׁ נִיסָן וָואס אִיז דֶער חוֹדֶשׁ הַגְּאֻלָּה, בְּנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל, אוּן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ קֶען מֶען פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (הַשְׁמָטוֹת לְחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן) אַז אָדָר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֱ'מֶת. קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט לוֹיט ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט (קִידּוּשִׁין ל"א.) אוֹיף דֶעם פָּסוּק ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֱ'מֶת, פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא "רֹאשׁ דְּבָרְךָ וְלֹא סוֹף דְּבָרְךָ?" - נָאר דִי אָנְפַאנְג וֶוערְטֶער זֶענֶען אֱמֶת, אוּן דִי סוֹף נִישְׁט? זָאגְט דִי גְמָרָא "אֶלָּא מִסּוֹף דְּבָרְךָ נִיכָּר שֶׁרֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת", פוּנֶעם סוֹף זֶעהְט מֶען אַז דִי אָנְפַאנְג אִיז אוֹיךְ אֱמֶת.

דָאס קֶען זַיין אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז, אָדָר אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַז חוֹדֶשׁ אָדָר וָואס אִיז דֶער לֶעצְטֶער חוֹדֶשׁ פוּנֶעם סֵדֶר הַחֳדָשִׁים, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מְתַקֵּן דִי אַלֶע חֳדָשִׁים וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וַוייל פוּן דֶעם לֶעצְטְן חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען אִיז דֶעמָאלְט פְרֵיילִיךְ, וַוייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט ווִי מֶען וָואלְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, זָאגְט דִי גְמָרָא (יוֹמָא פ"ו:) אַז דֶעמָאלְט וֶוערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְוֹת; דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בְּשִׂמְחָה וֶוערְט מְקוּיָּם ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז פוּן סוֹף יָאר וֶוערְט דִי גַאנְצֶע יָאר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ מִצְוֹת.

## ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?

צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת זֶענֶען אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ טוּן ווִי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, מֶען פַארְלִירְט דִי מוּט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָּר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, זָאל עֶר נָאךְ אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ. וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קוּנְץ, נָאר פַארְקֶערְט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט דֶערְקֶענְט זִיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד.

שִׂמְחָה קוּמְט דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר הֶעלְפְט אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֶעשֶׁעט אִיז נִישְׁט פוּנְקְט גֶעשֶׁעעֶן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, נָאר יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תּוֹרָה מִיט מִצְוֹת וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, ווִיפִיל יָאר לֶעבְּט שׁוֹין אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט? "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", אוּן אַז מֶען כַאפְּט נָאךְ אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן אִין דִי עֶטְלִיכֶע יָאר, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם.

פַארְוָואס הִיט מֶען שַׁבָּת? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס עֶסְט מֶען כָּשֵׁר'ס? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס הָאבְּן מִיר אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר? פַארְוָואס קוּשְׁן מִיר דִי מְזוּזָה? וַוייל אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דֶעם. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע מִצְוֹת וָואס יֶעדֶער אִיד טוּט, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

פְרֵייעֶן דֶערְמִיט, אוּן דָאס וַוייזְט אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד׳) אַז דָאס אִיז גְעוֶוען דִי רִשְׁעוּת פוּן הָמָן וֶוען עֶר הָאט גְעזָאגְט פַאר אַחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְדָתֵיהֶם שׁוֹנוֹת מִכָּל עָם, הָמָן הָאט גְעזָאגְט אַז אֲפִילוּ יֶעדֶע פָאלְק אוּן לַאנְד הָאט אוֹיךְ גְעזֶעצְן, זֵיי זֶענֶען אָבֶּער נִישְׁט פְרֵיילִיךְ עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין; בַּיי דִי אִידְן אָבֶּער, וֶוען זֵיי טוּעֶן מִצְוֹת זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְרֶענְקְט פַאר הָמָן, דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ.

דָאס קֶען מֶען טַאקֶע זֶען אַז דִי גְעזֶעצְן פוּנֶעם לַאנְד זוּכְט מֶען נָאר וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן, וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט וֶועט מֶען זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער פָאלְגְן אָבֶּער דִי תּוֹרָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גְעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט זֶען דֶעם גֵיהִנוֹם", אוּן יֶענֶער הָאט עֶס טַאקֶע מְקַיֵּים גְעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

## דֶער עִיקָר אִיז פְרֵיילִיךְ

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה׳, מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ׳ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְרוּם [עֶרְנְסְט]; אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי׳ן, נָאר דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַבִּיסְל פְרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, צוּ הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הֵייבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן נָאךְ מֶער וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ חֹדֶשׁ אָדָר וְעֶרֶךְ שִׂמְחָה חֵלֶק ז׳ ח׳ י׳ י"ג)

<<<<<< נייעס

פריש און קריספי און גוט פאר די מאגן.

אנשי שלומינו זוכן דוקא די ברסלב מצות וויסענדיג אז דאס ווערט געמאכט דורך ערליכע אינגעלייט מאנשי שלומינו וואס צייכענען זיך אויס מיט יראת שמים, אפגעהיטענע אינגעלייט וואס זייער מויל איז הייליג, זיי ווייסן די גרויסע אחריות פון באקן מצות מצוה און זיי בעטן בשעת מען וועלגערט, מען רעדלט מען קנעט און מען שיבט אז די מצות זאלן אויסקומען בתכלית הכשרות, זיי בעטן אז די מצות זאלן משפיע זיין אמונה פאר אלע וואס עסן דאס.

צוליב די גרויסע פארלאנג האט מען שוין היי יאר אנגעהויבן מיט די ארבעט פון די מצות שוין אסאך פריער, אבער מיט דעם אלעם לויפט עס אויס שנעלער ווי מען קען נאכיאגן די פראדוקציע. די מצה בעקעריי איז אפן פון מאנטאג ביז דאנערשטאג פון **10:00** אינדערפרי ביז **3:00** נאכמטאג, און ווער עס וויל קויפן פון די מצות זאל וואס שנעלער זיך פארבינדען מיט די פארוואלטונג פון די בעקעריי און רופן מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו אויף **347-466-2410**. עס איז וויכטיג צו באטאנען אז צוליב דעם שטארקן פארלאנג וועט מען נישט קענען באשטעלן פאראויס, און מ'וועט נישט קענען אוועקלייגן פאר קיינעם, מען וועט נאר קענען קויפן ווילאנג עס איז דא, וכל הקודם זכה.

אין א גוטע בשורה פאר די וואס דארפן ספעלט מצות, האט די בעקעריי געמאלדן אז עס וועט אויך זיין צו באקומען אי"ה ספעלט מצות.

**ושמרתם את המצות!**



שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיךְ, בִּין אִיךְ מְשׁוּגָע?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶס טוּט זִיךְ אַ מִלְחָמָה אִין מַיין קָאפּ, יֶעדֶע נַאכְט הָאבּ אִיךְ אֵיינֶער אִין מַיין קָאפּ וָואס שְׁרֵייט אַ גַאנְצְן צַייט, ׳בִּיסְט נִישְׁט גוּט, בִּיסְט שְׁלֶעכְט, בִּיסְט דִי עֶרְגְסְטֶע מֶענְטְשׁ, בִּיסְט דִי עֶרְגְסְטֶע מַאמֶע, בִּיסְט דִי עֶרְגְסְטֶע וַוייבּ, פַארְוָואס קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען׳, אַ גַאנְצְן טָאג הֶער אִיךְ עֶס אִין מַיין מֹחַ אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ וִוי סְ׳אִיז דָא דָארְט צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס טַעֲנָה׳ן זִיךְ; אֵיין קוֹל זָאגְט, ׳דוּ בִּיסְט נִישְׁט נָארְמַאל׳, אוּן דִי אַנְדֶערֶע קוֹל עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק, ׳בִּיסְט יָא נָארְמַאל׳, פוּן אֵיין זַייט הֶער אִיךְ ׳הָאסְט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת אוּן דָאס מֵיינְט אַז דוּ בִּיסְט דִי עֶרְגְסְטֶע מֶענְטְשׁ׳, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט מֶען מִיר, ׳סְ׳אִיז גָארְנִישְׁט, אִיךְ מֶעג מַאכְן אַ טָעוּת, עֶס פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט׳.

׳דִי וֶועשׁ אִיז נָאכְנִישְׁט צוּזַאמְגֶעלֵייגְט, קֵיינְמָאל קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמְנֶעמֶען, נֶעבֶּעךְ אוֹיף דַיין מַאן אַז דַיין וַוייבּ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמְנֶעמֶען׳ - ׳סְ׳אִיז גָארְנִישְׁט, אִיךְ גֵיי עֶס שׁוֹין בַּאלְד צַאמְלֵייגְן, דוּ בִּיסְט יָא אַ גוּטֶע מֶענְטְשׁ׳ - ׳נֵיין, בִּיסְט נִישְׁט גוּט, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט דָאס זָאגְן פַאר דַיין מַאן, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט אַזוֹי רֶעדְן צוּ דַיין מַאמֶע, בִּיסְט דִי עֶרְגְסְטֶע, בִּיסְט נִישְׁט גוּט׳. אִיךְ פְרוּבִּיר זִיךְ צוּרִיקְ׳טַעֲנֶה׳ן אָבֶּער רוֹב מָאל גֶעוִוינְט דִי נִישְׁט גוּטֶע קוֹל, אוּן אִיךְ הֵייבּ טַאקֶע אָן טְרַאכְטְן אַז אִיךְ בִּין דִי עֶרְגְסְטֶע פוּן דִי וֶועלְט.

עֶס קֶען אוֹיסְזֶען וִוי אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע, אָבֶּער אִיךְ הֶער דָאס טַאקֶע אַ גַאנְצְן טָאג, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער סְ׳רֶעדְט עֶס אִין מִיךְ, אִיךְ פִּיל זֵיי צוּ זָאגְן "גֵייט זִיךְ טַעֲנָה׳ן אִינְדְרוֹיסְן אוּן לָאזְט מִיךְ אָפּ", אֶפְשָׁר לַייד אִיךְ טַאקֶע אוֹיף עֶפֶּעס אַ מַחֲלָה, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ טַאקֶע נִישְׁט נָארְמַאל, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ אִיךְ מַאךְ טַאקֶע עֶפֶּעס אַ טָעוּת, אִיךְ טוּ עֶפֶּעס נִישְׁט רִיכְטִיג, קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אוּן אִיךְ וֶוער אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט.

דִי עִיקָר גֶעשֶׁעט עֶס וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים, וֶוען אִיךְ הֶער נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער פְּרוּבִּיר אִיךְ אֵייבִּיג אָנְצוּצִינְדְן עֶפֶּעס, אַ מַעֲשֶׂה, אַ דְרָשָׁה, אָדֶער אַ שִׁיעוּר, עֶס אִיז אָבֶּער נָאכְאַלְץ דָא גֶענוּג צַייטְן וָואס עֶס פַּאסִירְט סַיי וִוי, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ הֶער עֶפֶּעס אָדֶער וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְצִינְדְן עֶפֶּעס. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַלֶעמָאל גֶעהַאט דִי זַאךְ, עֶס אִיז אַ נֵייעֶ זַאךְ פוּן לֶעצְטְנְס.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ פוּל מִיט פְּחָדִים, דִי עִיקָר הָאבּ אִיךְ עֶס בַּיינַאכְט, אוּן נָאכְדֶעם קֶען אִיךְ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, אַמָאל פְלֶעג אִיךְ לֶעבְּן אַזוֹי רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁעֶן מִיט מִיךְ דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיךְ הֶעלְפְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי וַוייטֶער גֵיין, אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיךְ קֶענֶען עֶפֶּעס צוּרִיקְשְׁרַייבְּן מִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן אוֹיסְהֵיילְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ח שׁוֹבָבִי"ם, כ"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנֶה׳עְן מִיט זֵיי, וַוייל וִוי מֶער מֶען טַעֲנָה׳ט מִיט דִי מַחְשָׁבוֹת - וֶוערְן זֵיי נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער. דִי רִיכְטִיגֶע עֵצָה אִיז אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְטְס: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אַלֶעס אִיז נָאר עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס׳; אַזוֹי וֶועלְן אַוֶועק גֵיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב): "כִּי זֶה טֶבַע וּסְגֻלַּת שֶׁל אֵלּוּ הַיְצָרִין הָרָעִים הַמְזֹהָמִים", אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּצִיגֶע יֵצֶר הָרָע, "כָּל מַה שֶּׁרוֹצִים לְהִתְגַּבֵּר עַל אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת", וִוי מֶער מֶען ווִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי, "יוֹתֵר וְיוֹתֵר הֵם מִתְגַּבְּרִים", שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ שְׁטֶערְקֶער אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ. "כִּי הוּא כְּמוֹ שֶׁאָדָם בּוֹרֵחַ מִדָּבָר", דִי מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אֵיינֶעם, "וּמִסְתַּכֵּל מִן הַצַּד כִּלְאַחַר יָד עַל זֶה הַדָּבָר שֶׁבָּרַח מִמֶּנּוּ", אוּן אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף דִי זַאךְ פוּן וָואס מֶען לוֹיפְט אַוֶועק - "וַאֲזַי הַדָּבָר הַזֶּה מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר", דֶעמָאלְט וֶוערְט יֶענֶע זַאךְ שְׁטֶערְקֶער, "כִּי לֹא הִסִּיחַ דַּעְתּוֹ

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

מִזֶּה", וַוייל וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי מֶען קוּקְט צוּרִיק - דָאס מַאכְט זֵיי זָאלְן וַוייטֶער נָאכְלוֹיפְן, "רַק אַדְּרַבָּא, שֶׁמִּסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם לְאַחֲרָיו עַל זֹאת הַמַּחֲשָׁבָה", אַדְרַבָּה, זֵיי וֶוערְן נָאר שְׁטֶערְקֶער וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף זֵיי; אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, וִוי מֶער מֶען וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי - וֶוערְן זֵיי שְׁטֶערְקֶער.

מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת. וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה וָואס קְלַאפְּט אַייךְ אַרָאפּ אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט גוּט - זָאלְט אִיר אָנְהוֹיבְּן בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה אוּן אוֹיף אֱמוּנָה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעטְס דִי תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז דִי פִּיס, אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְווֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר; אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיינְס, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

טוּט אַלֶעס וָואס מַאכְט אַייךְ פְרֵיילִיךְ; הֶערְט לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים, פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים. טַאנְצְט אוּן זִינְגְט, טוּט אַלֶעס וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם): "גַּם עַצְבוּת הוּא מַזִּיק מְאֹד וְנוֹתֵן כֹּחַ לְזֶה הַיֵּצֶר הָרָע הָעָב הַגַּשְׁמִי", זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט אִיז זֵייעֶר מְסוּכָּן פַאר דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; עֶס מַאכְט שְׁטֶערְקֶער דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן פַארְקֶערְט, שִׂמְחָה, פְרֵיילִיכְקֵייט - נֶעמְט אַוֶועק דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶס צֶעבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרָע.

זַייט שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת. אֵיינְס, יֶעדֶע מָאל עֶס קוּמְט אָן דִי שְׁלֶעכְטֶע שְׁוֶוערֶע מַחְשָׁבָה - זָאלְט אִיר גְלַייךְ בֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה. צְוֵוייטְנְס, טוּן וָואס מֶען קֶען נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; וֶועט אִיר פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיר וֶועט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ אוּן אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשפ"ג)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל אויף שבת שקלים

גאר א שיינע שבת שקלים איז געפראוועט געווארן דעם פארגאנגענעם שבת אין קרית ברסלב ליבערטי אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. די חשובע איינוואוינער און די פילע געסט וואס זענען געקומען צו פארן מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם שבת, האבן גאר שטארק הנאה געהאט, און געשעפט פון דעם שבת פיל חיזוק פאר גאר א לאנגע צייט.

ביי די באטע פרייטאג צו נאכטס, וואס איז געווען אינאיינעם מיט עטליכע שלום זכר'ס פון אנשי שלומינו, האט דער ראש ישיבה שליט"א גאר שיין ארומגערעדט דיבורי אמונה, צו וויסן און געדענקען אז אלעס האט א פונקטליכער חשבון פון הימל, קיין שום זאך פאסירט נישט פערצופאל, און ווען מען נעמט אריין אין זיך די אמונה, האט מען א גליקליך לעבן. אינדערפרי איז געווען גאר שיין דאס דאווענען, יוצרות, ליינען, און ראש חודש בענטשן, נאכ'ן דאווענען איז געווען א ברית לבן מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו, און דערנאך די קידוש לכבוד דעם חתן אויפרוף, דער ראש ישיבה שליט"א האט גאר שיין ארומגערעדט וועגן שלום בית וואס דאס איז א גרויסע יסוד אין אידישקייט, און גערעדט ווי אזוי מען איז זוכה צו דעם. ביי שלש סעודות איז געווען גאר שיינע דיבורים איבער שמחה, און דאס האט ווייטער ממשיך געווען אום מוצאי שבת ביים גרויסארטיגן מלוה מלכה, וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט אסאך ארומגערעדט אז ווען א איד איז פרייליך קען ער מיט דעם אויסמיידן גאר אסאך פראבלעמען, דער הערליכער שיעור ביים מלוה מלכה קען מען הערן אויף קול ברסלב.

א לענגערע באריכט איבער דעם זעלטענעם שיינעם שבת, ליינט די וואך אינעם "קרית ברסלב בלעטל".

**אור פניך עלינו אדון נשא!**

***

# מסיבת הכרת הטוב "רענט קאמפיין" דעם מוצש"ק

ווי געמאלדן פארגאנגענע וואך, קומט פאר דעם מוצאי שבת קודש פרשת תרומה, די יערליכע מסיבת הכרת הטוב דורך די "רענט קאמפיין", אין בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג. ארויסצואווייזן אן הכרת הטוב צום ציבור וואס העלפט אזוי שיין ארויס מדי חודש בחדשו צו צאלן די רענט פאר די בניני מוסדותינו הקדושים.

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, אנטשפרעכט אויך דער היי יאריגע מסיבה צו זיין גאר א געשמאקע אווענט מיט געשמאקע דרשות און א ספעציעל הערליכע פראגראם. מען וועט דארט בעז"ה טיילן מתנות פאר אלע נדבנים. אזוי אויך וועט דער ראש ישיבה וועט בעז"ה אויפטרעטן מיט א שיינע חיזוק שמועס, וואס וועט בעז"ה איבערלאזן א גאר א געשמאקע רושם פאר אלע באטייליגטע פאר לאנגע וואכן דערנאך.

**עזוב תעזוב עמו!**

***

# "פורים מאביל" פארברייטערט אקטיוויטעטן

ווי באקאנט פון אלע יארן גייען ארום די בחורים פון ישיבה יעדעס יאר אום פורים צו די חשובע נדיבי עם וואס נוצן אויס דעם גרויסן טאג פורים צו שטיצן און ארויסהעלפן די הייליגע ישיבה וואס האט שוין געהאלפן און העלפט ארויס אזויפיל אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, א זכות וואס איז אומשאצבאר.

אזוי ווי די הייליגע מוסדות שטייען יעצט אין גאר א שווערע פינאנציעלע מצב, וועט מען דאס יאר אויסברייטערן די אקטיוויטעטן אום יום טוב פורים, צו מאכן מערערע גרופעס צו קענען אנגעקומען צו אלע היימישע געגנטער אין ניו יארק און ניו דזשערסי און ארום, ווי די בחורים וועלן ארויפקומען און גאר פרייליך מאכן אין די שטיבער פון די נדיבים וואס העלפן ארויס די הייליגע ישיבה זיך צו קענען שטעלן אויף די פיס, און אנפילן די טיפע חובות-לעכער וואס צועפענען זיך לעצטנס מער און מער.

אויב ווילט איר געבן גרעסערע סכומים פאר די הייליגע ישיבה, אדער ווייסט איר פון א שכן, קרוב, אדער גוטער פריינט וואס וואלט געהאט חשק די בחורים זאלן ארויפקומען צו אים אום יום טוב פורים, זעט צו רופן ווי פריער, וויל מען וועט נאר קענען אננעמען ביז ווילאנג די ליסטע ווערט פול. פאר ברוקלין רופט מו"ה שמעון פיש הי"ו אויף 917-232-9070, און פאר אנדערע געגנטער רופט מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו אויף 845-537-7477.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**

***

# ברסלבע מצה בעקעריי שוין געעפענט אויף היי יאר

די ברסלב'ע מצה בעקעריי שטייט אונטער די שטרענגע השגחה פונעם דיין שליט"א וואס האלט אן עינא פקיחא אויף די ארבעט, און אלעס ווערט געטון לויט די הוראות פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס מאכט זיכער אז אלעס ווערט געטון ווי די מסורה פון די פריערדיגע צדיקים, וואס האבן איינגעפירט וויאזוי א מצה בעקעריי דארף זיך פירן מיט אלע חומרות און הידורים. די הנהלה לאזט זיך קאסט גרויסע געלטער זיכער צו מאכן אז אלעס ווערט געטון בהידור רב ווי עס פעלט אויס, פאר די הייליגע מצוה פון אכילת מצה. אויך פון די אנדערע זייט האט מען סייעתא דשמיא, אז אלע וואס פארזוכן די מצות זאגן אז די מצות האבן אן אויסטערליש גוטן טעם, און איז

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **בנימין ווילדי** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

החתן מו"ה **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

מו"ה **שמחה בלאק** הי"ו
גבאי בית המדרש היכל הקודש לאנדאן
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **יעקב היילפרין** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **יחזקאל שארף** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב


## א פרייליכן פורים

**מגילת אסתר צו לערנען און זיך אויסלערנען ליינען, שיעורי תורה און שיעורי התחזקות, מעשיות פאר קינדער, פורים'דיגס, און נאך**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 5**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


**הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה יעקב היילפרין הי"ו, לרגל שמחת הולדות בתו למזל טוב**

< BreslevCenter.com >